12 און פֿאַרגיב אונדז אונדזערע חובֿות,
ווי אויך מיר האָבן פֿאַרגעבן די, וואָס זענען
אונדז שולדיק;
13 און ברענג אונדז נישט צו קיין נסיון,
נאָר זײַ אונדז מציל פֿון שלעכטס.
(וואָרום דײַן איז דאָס מלכות,
און די מאַכט, און די הערלעכקייט,
אויף אייביק! אמן.)
14 וואָרום אויב איר פֿאַרגיט די מענטשן זייערע
פֿעלערן, וועט אײַער הימלישער פֿאָטער אײַך אויך
15 פֿאַרגעבן; ווען אָבער איר פֿאַרגיט די מענטשן
נישט, וועט אײַער פֿאָטער אײַך אויך נישט פֿאַרגעבן
אײַערע עבֿירות.
16 און ווען איר פֿאַסט, זאָלט איר נישט זײַן ווי די
צבֿועקעס, מיט אַ זויערער פּנים; וואָרום זיי פֿאַרפֿינס-
טערן זייערע פּנימער, כּדי זיך צו באַווײַזן פֿאַר
מענטשן, אַז זיי פֿאַסטן. באמת זאָג איך אײַך, זיי
17 האָבן שוין זייער שכר. דו אָבער, ווען דו פֿאַסט,
זאַלב דיר דעם קאָפּ מיט אייל, און וואַש דיר אָפּ
18 דאָס פּנים; כּדי זאָלסט נישט געזען ווערן פֿון
מענטשן, אַז דו פֿאַסט, נאָר פֿאַר דײַן פֿאָטער, וואָס
איז פֿאַרבאָרגן; און דײַן פֿאָטער, וואָס זעט אין
פֿאַרבאָרגעניש, וועט דיר פֿאַרגעלטן.
19 זאַמלט אײַך נישט אײַן קיין אוצרות אויף דער
ערד, וואו מילבֿ און זשאַווער פֿאַרדאַרבן, און וואו
20 גנבֿים גראָבן אונטער און גנבֿענען אַוועק. נאָר
זאַמלט אײַך אײַן אוצרות אין הימל, וואו נישט די
מילבֿ נישט דער זשאַווער פֿאַרדאַרבן, און וואו
גנבֿים גראָבן נישט אונטער און גנבֿענען נישט
21 אַוועק. וואָרום וואו דײַן אוצר איז, דאָרט וועט אויך
22 דײַן האַרץ זײַן. דאָס ליכט פֿון דעם גוף איז דאָס